# האַרבסט 2022



# סעפּטעמבער געשעענישן

## פרייטיק, סעפּטעמבער 9

בפּש צוריק אין שולע פילם נאַכט

6:30PM, ROCKEFELLER PARK

פייערט דאָס אומקערן זיך אין שולע מיט אַ משפּחה קהילה אָוונט אויף די בעסקעטבאָל פעלדער, עס וועט זיין אַ ספּעיס דזשעם בעסקעטבאָל סעשן מיט קאָוטשעס פון דעם ACPB, און גלייך דערנאָך וועט מען ווייזן אַ ספּעיס דזשעם פילם, פּאָפּקאָרן אַריינגערעכנט!

6:30PM בעסקעטבאָל סעשן
7:30PM פילם

## דינסטיק, סעפּטעמבער 13 און דאָנערשטיק סעפּטעמבער 29

אידישע מסורה עקסקורסיע דורך אונטערשטאָט מאַנהעטן

5PM, מוזיי פון דער אידישער מסורה
36 BATTERY PLACE

קומט אויף אַ שפּאַציר אין דעם אונטערשטאָט פון מאַנהעטן, לערנענדיק ווי אידן פון גאָר פאַרשידענע וועלטן האָבן זיך צונויפגעקליבן אין ניו יאָרק, און אין איינעם געשאַפן אַן אייגנאַרטיקע אַמעריקאַנישע אידישקייט. אַדורכשפּאַצירנדיק אונטערשטאָט מאַנהעטן, וועלן מיר זיך נאָכפאָלגן די אידישע איבערלעבענישן אין ניו יאָרק נאָך פון קאָלאָניעלע צייטן און גלייך נאָך דער רעוואָלוציע. מיר וועלן פּרואוון געבן אַ אידישן בליק אויף אַזוינע ערטער ווי קעסל קלינטאָן, באָולינג גרין, פעדעראַל האָל און די בירזשעס. צו זיך פאַרשרייבן: mjhnyc.org/current-events/

צוגעשטעלט דורך דער מוזיי פון דער אידישער מסורה - אַ לעבעדיקער דענקמאָל צו דעם חורבן, בשותפות מיטן באַטערי פּאַרק שטאָטס ראַט.

mjhnyc. org/current-events/

צוגעשטעלט דורך דער מוזיי פון דער אידישער מסורה - אַ לעבעדיקער דענקמאָל צו דעם חורבן, בשותפות מיטן באַטערי פּאַרק שטאָטס ראַט.

## דאָנערשטיק, סעפּטעמבער 1

סטרונעס אויפן האָדסאָן: אינוואָק

5:30PM, BELVEDERE PLAZA

אינוואָק איז אַ פיל־כלימ'דיקע קאַפּעליע וועלכע שטרעבט אַריינצוזאַפּן אין זיך מוזיקאַלישע טראַדיציעס פון איבער גאַנץ אַמעריקע, צווישן זיי אויך בלוגראַס, אַפּעליישן פידל, און דזשעז מוזיק. די אָריגינעלע קאָמפּאָזיציעס פון דער אָסטין-טעקסאַסער קאַפּעליע שאַפן דורך אַ האַרמאָנישן צונויפגאָס פון די פאַרשידענע סטילן זייער אייגנאַרטיקער מוזיק.



## דאָנערשטיק, סעמפּטעמבער 8 און 22

סעריע פון קאָנצערטן: מאָדערנע אידישע קלאַנגען

6:30PM, מוזיי פון אידישער מסורה
BATTERY PLACE 36

קומט צו דער מוזיי פאַר אַ סעריע פון פיר קאָנצערטן וואָס וועט זיך ציען איבער דער גאַנצע ברייט פון דער אידישער מוזיק, פון קלעזמער ביז אַקאָרדיאָן, פאָלק מוזיק מיט עלעקטרישע מוזיק, דזשעז און פּאָפּ מוזיק. אויפטרעטן פון די וועלט באַרימטע אידישע פאָלקס אַרטיסטן דניאל קאַהן, קאַמי מאַלץ און אַנדערע.
זיך פאַרשרייבן:

## זונטיק, סעפּטעמבער 18

מיגראַציע פייערונג
11AM–12:30PM, SOUTH COVE

פייערט מיט אונז די יערליכע איבערוואַנגערונג פון די פאַרשידענע באַשעפענישן וואָס וואַנדערן דורך באַטערי פּאַרק שטאָט. דורכאויס דעם טאָג וועט מען מאָלן, אויסקוקן פייגעלעך, און שפּאַצירן אין דעם בינען קאָנסערוואַטאָריאָן – ווי אויך אַ פאָרשטעלונג פון וועלט באַרימטן פייקלער דענדע מאַסעדאָ וואָס וועט אונז ווייזן ווי צו שאַפן קלאַנגען פון מאַטעריאַלן וואָס מען טרעפט.

11AM: מאָלן און אַקטיוויטיס

12PM: אויסקוקן פייגעלעך\נאַטור שפּאַציר



## דאָנערשטיק, סעפּטעמבער 22

האַרבסט עקווינעס שטילער דיסקאָ
7–10PM, LOCATION TBD
פייערט דעם האַרבסט מיט אַ שטילן דיסקאָ פון אויפלייכטנדיקע העדפאָונס וואָס וועלן ווערן צוגעשטעלט אויפן אָרט
Visit bpca.ny.gov/events/ for updated location information.

## מאָנטיק, סעפּטעמבער 26

שפּילן: קיקבאָל
1:30–2:30PM, ROCKEFELLER PARK

קינדער אין די יאָרן 6-10 קענען קומען צו ספּעציעלע סעסיעס חוץ פון דער שולע. קומט צו די קאָרטשעס פון בפּש״א צו פאַרבעסערן אייער קיקבאָל פעאיקייטן, דערנאָך וועט זיין אַ גערעגנל פאַר אַלע ניוואָס. סקאַנירט דעם ק״ר קאָוד זיך צו פאַרשרייבן.

## דאָנערשטיק, SEP29

פּאָעזיע פאָרלייענונג: אויפקומנדיקע שטערן פון דער אַסיאַטישער גולה
6PM, TEARDROP PARK SOUTH

דער אסיאַ־אַמעריקאַנישער שרייבערס פאַראיין, יו און מי ביכער, די ערשטע ביכער געשעפט פון אַ פרוי אין טשיינע טאַון, און דער בפּש״א קומען צוזאַמען צו פאָרשטעלן אַ פאָרלייענונג פון פּאָעטן פון דער אַסיאַטישער גולה. געפירט דורך יִ ווײַ די פאָרלייענונג וועט צוזאַמענברענגען די שענסטע קולות פון אונזער צייט. זיך פאַרשרייבן: aaww.org/events

פאַרגעשטעלט דורך דער אסיאַ־אַמעריקאַנער שרייבערס פאַראיין בשותפות מיטן באַטערי פּאַרק שטאָטס ראָט.



## מאָנטיק, סעפּטעמבער 19-שבת, סעפּטעמבער 24

קלימאַט וואָך

אין צוזאַמענהאַנגע מיט באַטערי פּאַרק שטאָט מסורה פון פירערשאַפט בנוגע דעם קלימאַט, פייערט דער שטאָט ראַט די קלימאַט וואָך פון ניו יאָרק מיט פאַרשידנאַרטיקע פּראָגראַמען פאַרן עולם. פאַר מער אינפאָרמאַציע זעט אונזער סאָשעל מידיאַ קאַנאַלן: instagram.com/bpcparks, facebook.com/batteryparkcityparks, twitter.com/bpca_ny

### מאָנטיק, סעפּטעמבער 19

קלימאַט וואָך: נאַטור שפּאַציר

12PM, ROCKEFELLER PARK

משפחות זיינען פאַרבעטן צו אָנטיילנעמען אין דעם שפּאַציר מיט ספּעציאַליסטן בכדי צו לערנען מערער וועגן דעם קלימאַט.

## פרייטיק, סעפּטעמבער 23

טרעפט זיך מיטן בינער

1:30–2:30PM, ROCKEFELLER PARK

קומט צו אַ פאָרשטעלונג פון די בינער אויפן באַטערי פּאַרק בינעריי ביים טשיימבערס סטריט איינגאַנג צום ראָקפעלער פּאַרק, לערנט וועגן דער וויכטיקייט פון שטאָטישער בינעריי און ווי עס העלפט דער פאַרהיטונג אַרבעט דורכאויס דער שטאָט .

## שבת, סעפּטעמבער 24

קונסט און פּאָעזיע אין בפּ״ש

2-4PM, IRISH HUNGER MEMORIAL TO BELVEDERE PLAZA

לכבוד דער קלימאַט וואָך, קומט נעמט אָנטייל אין אַ קונסט עקסקורסיע און פּאָעזיע פאָרלייענונג דורך קונסט היסטאָריאָן דאָראָטעאַ באַזיל און פּאָעט דזשאָן קורלי. געפינענדיק אויפן אָרט וואו דער שטאָטישער וועלט טרעפט זיך מיט דער נאַטור, פייערן מיר דאָס מיט קונסט און פּאָעזיע.דערנאָך וועט זיין אַ פאָרלייענונג דורך מיכאל העלער, באַבאַרע העניג, און בורט קימערמאַן.

2PM: קונסט עקסקורסיע, טרעפט זיך ביים IRISH HUNGER MEMORIAL

3Pm פּאָעזיע פאָרלייענונג Belvedere Plaza

## זונטיק, אָקטאָבער2

סעריע פון קאָנצערטן: מאָדערנע אידישע קלאַנגען
6:30PM, מוזיי פון אידישער מסורה
BATTERY PLACE 36

קומט צו דער מוזיי פאַר אַ סעריע פון פיר קאָנצערטן וואָס וועט זיך ציען איבער דער גאַנצע ברייט פון דער אידישער מוזיק, פון קלעזמער ביז אַקאָרדיאָן, פאָלק מוזיק מיט עלעקטרישע מוזיק, דזשעז און פּאָפּ מוזיק. אויפטרעטן פון די וועלט באַרימטע אידישע פאָלקס אַרטיסטן דניאל קאַהן, קאַמי מאַלץ און אַנדערע.

זיך פאַרשרייבן: mjhnyc.org/current-events/

צוגעשטעלט דורך דער מוזיי פון דער אידישער מסורה - אַ לעבעדיקער דענקמאָל צו דעם חורבן, בשותפות מיטן באַטערי פּאַרק שטאָטס ראַט.

## מיטוואָך, אָקטאָבער 5

שפּילן: בייסבאָל
1:30–2:30PM, ROCKEFELLER PARK

קינדער אין די יאָרן 6-10 קענען קומען צו ספּעציעלע סעסיעס חוץ פון דער שולע. קומט צו די קאָטשעס פון בפּש״א צו פאַרבעסערן אייער בייסבאָל פעאיקייטן, דערנאָך וועט זיין אַ גערעגל פאַר אַלע ניוואָס. סקאַנירט דעם ק״ר קאָוד זיך צו פאַרשרייבן.

## שבת, אָקטאָבער 1

קומט כאַפּן פיש!
מ׳וועט לאָזן וויסן וואו, 10AM–1PM

לכבוד דעם היספּאַנישן מסורה חודש, קומט מיט אונז אויף איינער פון די פּאָפּולערסטע פייערונגען פון דעם בפּש״א, אונטערשטרייכנדיק די וויכטיקייט פון פאַרהיטן אונזערע וואַסערן. דאָ וועט מען שפּילן אין פאַרווייילונגס פישעריי מיט געניטע פישערס, אַ קונסט פּראָיעקט, מיט אַ נאַטור שפּאַציר אין דער בינעריי.

טיאַטראָ סי וועט פאָרשטעלן די גאַלאַפּאַגאָס קאָנווענשן, אַ שפּיל מיט ליאַלקעס. דער צוויי־שפּראַכיקער חינוך טעאַטער שאַפט ווערק געווידמעט צו באַקוקן, און פּרואוון צו פאַרבעסערן דעם מצב צווישן קהילות. אויף צו זען דעם אָרט וואו עס וועט פאָרקומען קוקט אויף: bpca.ny.gov/events/ for updated location information.

פאַרווייילונגס פישעריי :10AM–1PM
קונסט פּראָיעקט :10:45AM
טעאַטער פאָרשטעלונג :11AM
נאַטור שפּאַציר :12:15PM





אָקטאָבער געשעענישן

## 06 אָקטאָבער, דאָנערשטיק

פרויען פון דעם היפּ־האָפּ
5:30PM, BELVEDERE PLAZA

פרויען פון דעם היפּ־האָפּ איז אַ נאָן־פּראָפיט וואָס שטעלט פֿאָר געלעגנהייטן פֿאַר פרויען און מיידלעך אין דער וועלט פון היפּ־האָפּ

## 12 אָקטאָבער, WEDNESDAY

בלוט זאַמלונג
12–6PM, 6 RIVER TERRACE

העלפט ווידער אָנפילן דעם פֿאַרמינערנדן בלוט אוצר אין דעם טריי־סטעיט געגנט. די גאַנצע מעשה דאַרף ניט געדויערן מער פון אַ שעה, און מיט איינמאָל וואָס מ׳גיט בלוט קען מען ראַטעווען עטליכע לעבנס. פֿאַרשרייבט זיך היינט אויף nybloodcenter.org

## זונטיק, אָקטאָבער 16

קונסט און פּאָעזיע אין בפּ״ש
2–4PM, THE REAL WORLD TO IRISH HUNGER MEMORIAL

קומט נעמט אָנטייל אין אַ קונסט עקסקורסיע און פּאָעזיע פּאָרלייענונג דורך קונסט היסטאָריאָן דאָראָטעאַ באַזיל און פּאָעט דזשאָן קורלי. געפינענדיק אויפן אָרט וואו דער שטאָטישער וועלט טרעפט זיך מיט דער נאַטור, פייערן מיר דאָס מיט קונסט און פּאָעזיע. דערנאָך וועט זיין אַ פּאָרלייענונג דורך עלענאַ אַלעקסאַנדער, דזשיוואָן טשאַי, און אַנדרו לעווי.

2PM: קונסט עקסקורסיע, טרעפט זיך ביים THE REAL WORLD
3PM: פּאָעזיע פּאָרלייענונג, IRISH HUNGER MEMORIAL

## 20 אָקטאָבער, דאָנערשטיק

נאָיר פילמען: דער אַספּאַלט דזשונגעל
6:30PM, ווירטואַלע פּראָגראַם

דער נאָיר פילמען היבריד פּראָגראַם פּאָרט צונויף אַ נעאָ נאָיר מיט אַ קלאַסישן נאָיר און מען רעדט עס איבער.

אין דעם אַספּאַלט דזשונגעל (1950) דורך דזשאָן יוסטאָן, אַ דאָקטער בויט אַ פּלאַן צו גנב׳ענען מיליאָן דאָלער אין צירונג אָבער עס פּאַלט פּאַנאַנדער. דאָס וועט מען פּאַרגלייכן מיט לע סערקל רוזש (1970) וועלכן מען וועט ווייזן אויף 11/13.

סקאַנירט דעם ק״ר קאָוד אויף צו זען דעם אַספּאַלט דזשונגל.



## שבת, אָקטאָבער 29

קומזיץ מיט לידער
2–4PM, TEARDROP PARK

קומט זיצט ביים פייער פֿאַר דערציילונגען און לידער דורך סוזי שעלטאָן. געשמאַקע פּאַרבייסן מיט קונסט פּראָיעקטן!

# דינסטיק, נאָוועמבער 15

שעף רייד: אינסטיטוט פון קיך לערנען

6:30PM, 6 RIVER TERRACE

פונקט אין צייט פאַרן יום טוב סעזאָן! לערנט ווי צו מאַכן פּיי טייג פון אַן אינטרוקטאָר פונעם אינסטיטוט. פּרובירט עס אויס, און לערנט זיך אויס פאַרשידענע טיפּס ווי צו מאַכן טייג אין דער היים וואָס וועט געפעלן אייערע געסט.

# דאָנערשטיק, נאָוועמבער 17

נאָיר פילמען: באַרטאָן פינק

6:30PM, וויאטואַלע פראָגראַם

אין באַרטאָן פינק (1991) דורך די כהן ברידער, אַ באַוואוסטער ניו־יאָרקער שריפט שטעלער ווערט צוגעצויגן צו קאַליפאָרניע צו שרייבן פילמען, און אַנטדעקט דעם מיאוס׳ן אמת וועגן האָליוואוד. דעם פילם וועט מען פאָרן מיט סאָנסעט בולוואַרד (1950) וועלכן מען וועט ווייזן אויף 12/8.

סקאַנירט דעם ק״ר קאָוד אויף צו זען דעם באַרטאָן פינק.

# נאָוועמבער 28-דעצעמבער 1

בפ״ש מתנות אָפּלאָזן

9AM–4PM, 75 BATTERY PLACE

ווען עלטערן קענען ניט קויפן חנוכה מתנות פאַר זייערע קינדער, סטאָקינגס וויט קער זעט אַז קיין איין קינד זאָל ניט געקריוודעט ווערן. איר קענט אָפּלאָזן ניט איינגעוויקלטע מתנות אין אונזער זאַמל פושקע אין דעם קאָרידאָר אָדעק ביים יום טוב׳דיקע ליכט פייערונג אויף 12/1.

# דאָנערשטיק, נאָוועמבער 3

נאָיר פילמען: דער אַספאַלט דזשונגעל

6:30PM, 6 RIVER TERRACE

דאָ וועט מען פאַרגלייכן לע סערקל רוזש (1970) דורך זשאַן פּיער מעלוויל, וואו אַ געניטער גנב מיט אַ געוועזענער פּאָליציאַנט אַ שיכור פלאַנירן אַ סקאַנדאַל אין אַ צירונג געשעפט אין פּאַריז. דעם פילם וועט מען פאַרגלייכן מיט דעם אַספאַלט דזשונגל וועלכן מ׳קען זען בחינם אָנליין. פּאָפּקאָרן וועט מען געבן בחינם.

# דינסטיק, נאָוועמבער 8

שפּילן: דאָדזשבאָל

1:30–2:30PM, ROCKEFELLER PARK

קינדער אין די יאָרן 6-10 קענען קומען צו ספּעציעלע סעסיעס חוץ פון דער שולע. קומט צו די קאָוטשעס פון בפש״א צו פאַרבעסערן אייער דאָדזשבאָל פעאיקייטן, דערנאָך וועט זיין אַ גוראַנגל פאַר אַלע ניוואָס. סקאַנירט דעם ק״ר קאָוד זיך צו פאַרשרייבן.

# דינסטיק, נאָוועמבער 8

וואַלן טאָג קונסט און שפּיל

3–4PM, ROCKEFELLER PARK HOUSE

קינדער זיינען פאַרבעטן אויף אַ טאָג פון קונסט און שפּיל מיט דער טעמע פון וואַלן און פאַראַנטוואָרליכע בירגערשאַפט.





# דעצעמבער געשעענישן

## דאָנערשטיק, דעצעמבער 1

### יום טוב׳דיקע ליכט פייערונג

6PM, ROCKEFELLER PARK

הויבט אָן דעם סעזאָן מיט אַן אָוונט פון לעבעדיקע קאַראָלן, געשמאַקע געטראַנקען, און זיסנווארג מיט אייער בפ״ש קהילה! קומט זעט דעם נייעם בפ״ש יום טוב׳דיקע ליכט בוים אין ראָקפעלער פּאַרק. העלפט אויך אַנדערע דורך ברענגען מתנות פאַר סטאָק וויט קער. ספּעציעלע פאָרשטעלונג פון סינג האַרלעם כאָר און איר ווייסט שוין ווער!

## דאָנערשטיק, דעצעמבער 8

### נאָיר פילמען: סאָנסעט בולוואַרד

6:30PM, 6 RIVER TERRACE

אין סאָנסעט בולוואַרד (1950) דורך בילי ווילדער, אַ דוכגעפאַלענער שריפטשטעלער קניפּפּט איין אַ סכנות׳דיקע פאַרבינדונג מיט אַ פילם שטערן בכדי צו פאַרזיכערן זיין צוריקקום. דעם פילם וועט מען פאַרגלייכן מיט באַרטאָן פינק (1991) וועלכן מ׳קען זען אָנליין בחינם. פּאָפּקאָרן וועט זיין בחינם.

## מיטוואָך דעצעמבער 14

### בלוט זאַמלונג

12–6PM, 6 RIVER TERRACE

העלפט ווידער אָנפילן דעם פאַרמינערנדן בלוט אוצר אין דעם טריי־סטעיט געגנט. די גאַנצע מעשה דאַרף ניט געדויערן מער פון אַ שעה, און מיט איינמאָל וואָס מ׳גיט בלוט קען מען ראַטעווען עטליבע לעבנס.פאַרשרייבט זיך היינט אויף nybloodcenter.org

## דעצעמבער 26-יאַנוואַר 28

### ריסייקלט אייער בוים

העלפט בפ״ש בלייבן גרין דעם סעזאָן! לאָזט איבער אייער בוים אָן קיין דעקאָראַציעס אויפן טראָטואַר. פּאַרק אָפּערייישענס וועט נעמען אייערעביימער ביז יאַנוואַר 28. די ביימער ווערן צומאָלן און גענוצט און די פּאַרקס פון בפ״ש.

פאַר נאָך אינפאָרמאַציע קלינגט 212-267-9700.

## דינסטיק
## סעפּטעמבער 6-דעצעמבער 27

ערוואַקסענע זומבאַ
10:30-11:30AM, IRISH HUNGER MEMORIAL PLAZA (6 סעפּטעמבער- 25אָקטאָבער) 6 RIVER TERRACE (8 נאָוועמבער- 27 דעצעמבער)

פאַרשטעלער עקסערסייז! לערנט דעם לאַטייניש טאַנץ, און אַרבעט אויף אייער באַלאַנס, קאָאָרדינאַציע און מאָטאָריק. ברענגט מיט אייערע פריינט און האָט הנאה!



## דינסטיק
## סעפּטעמבער 6-דעצעמבער 27

עלטערע טרעפן זיך
2:30-4PM, 200 RECTOR PLACE

קומט צום קהל'שן צימער און געניסט פון דער געזעלשאַפט פון אַנדערע עלטערע פון דעם בפּ"ש געגנט. געשפּרעכן, נייעס, און סתם פאַרברענגען אין איינעם. טרעפט נייע פריינט און זעט זיך מיט די שכנים. פאַר נאָך אינפאָרמאַציע שרייבט: 200rector@bpca.ny.gov

## מאָנטיק
## אָקטאָבער17-NOV21

נאַטור שרייבונג
2-3:30PM, BATTERY PARK CITY LIBRARY
175 NORTH END AVE.
פראָגראַם איז בחינם: מ'מוז זיך פאַרשרייבן, באַגרעניצטע ערטער

בשותפות מיטן בפּ"ש ביבליאָטעק, קומט צו אַ וועכנטליכער שפּאַציר און שרייב סעסיע געפירט דורך שרייבער און פּאָעט דזשאָן קורלי. צוליב דעם שיינעם אָרט וועט מען לערנען נעמען באַגייסטערונג פון דעם אומגעגנט און לערנען פון דעם נאַטור ווי צו פאַרבעסערן דעם שרייבן אין וואָסערא אופן, אַריינגערעכנט זכרונות/טאָגביכער, פּאָעמען און אַנדערע!

מען מוז זיך פאַרשרייבן פון פאָראויס אויף צו משתתף זיין:

registration@bpca.ny.gov

## דינסטיק
## סעפּטעמבער 6-אָקטאָבער 25

בליץ שאַך און בעקגעמען
12:30-1:30PM, ROCKEFELLER PARK

קומט נאָכמיטאָג און כאַפּט אַריין אַ שפּיל שאַך אָדער בעקגעמען. נוצנדיק זייגערס, וועט מען שפּילן פינף מינוטיקע שפּילן - גיך, אינטענסיוו און געשמאַק.

אַן אינסטרוקטאָר וועט זיין אויפן אָרט אייך צו געבן עצות ווי צו פאַרבעסערן אייער שפּילן.

## מאָנטיק
## סעפּטעמבער-12אָקטאָבער 31

התבוננות אין דער פרי
9:30-10AM, LILY POND

הייבט אָן אייער טאָג מיט באַלאַנסירן אייער מוח, גוף און גייסט דורך מעדיטאַציע. דאָס העלפט צו פאַרנידערן בלוט דרוק, און פאַרשטאַרקערן דעם אימיון סיסטעם.

אויפן 10/10 וועט ניט פאָרקומען קיין פראָגראַם.



## מאָנטיק
## סעפּטעמבער 12-דעצעמבער 19

איבונגען פאַר עלטערע
10:30-11:30AM,IRISH HUNGER MEMORIAL PLAZA (12סעפּטעמבער- 31אָקטאָבער) 6 RIVER TERRACE (07נאָוועמבער-19דעצעמבער)
שטאַרקט דעם גאַנצן גוף מיט אָנוואַרעם און אָפּקיל עקסערסייזעס. דער אינסטרוקטאָר וועט אייך פירן מיט ריטמישע באַוועגונגען און קאָאָרדינאַציע איבונגען, ווי אויך פאַרשטאַרקערונגס איבונגען. קומט משתתף זיין און ציט זיך אויס מיט געשמאַקע מוזיק!

אויפן 10/10 וועט ניט פאָרקומען קיין פראָגראַם.

## דאָנערשטיק
## סעפּטעמבער 1-אָקטאָבער 27

פּיקאָפּ-פּיקלבאָל
9AM, ESPLANDE PLAZA

אַ צונויפגאָס פון באַדמינטאָן און טעניס, פּיקלבאָל פאַרשטאַרקט די מוסקולן, העלפט האַרץ געזונט, און שאַרפט דעם מוח. יעדער דאָנערשטיק וועט מען פאַרנידרן דעם נעץ צו דערלאָזן פּיקלבאָל. ווער עס קומט דער ערשטער דער כאַפּט דעם נעץ! מען קען אויך קריגן פערמיטס אויף
bpca.ny.gov.

## דאָנערשטיק
## נאָוועמבער 10 און דעצעמבער 8

*טרעפט מיר אין קיך: קלייבט זיך אויס געזונט
11AM-12PM, ASPHALT GREEN,
212 NORTH END AVENUE

פראָגראַם איז בחינם: מ׳מוז זיך פאַרשרייבן, באַגרעניצטע ערטער

דער שפּייז מומחה לאָרען ס. קעלי ווייזט פאַרשידענע שינויים וואָס מ׳קען מאַכן צו באַוואוסטע מאכלים, ווי אויך פאַרשידענע עצות און טיפּס ווי צו געפינען און זיך אויסקלייבן געזינטערע שפּייז.

מען מוז זיך פאַרשרייבן פון פאָראויס, ביטע שרייבט:
registration@bpca.ny.gov

## מיטוואָך
## סעפּטעמבער 7-
## סעפּטעמבער 28

פיגור אַל פרעסקאָ
10AM–12PM, RECTOR PARK EAST

דער בפ״ש גיט אייך אַ געלעגנהייט צו באַטראַכטן און אויסמאָלן דעם מענטשליכן פיגור. יעדער וואָך וועט אַ מאָדעל מאַכן לאַנגע און קורצע פּאָזעס צו מאָלן. אַן אינסטרוקטאָר וועט זיין פאַר עצות. עס וועט זיין מאָלעריי כלים, אָבער איר קענט ברענגען אייערע אייגענע באַליבסטע כלים.

## מיטוואָך
## סעפּטעמבער 7-
## סעפּטעמבער 28

עלעמענטן פון דער נאַטור מאָלעריי
2-4PM, RECTOR PARK EAST

קומט מאָלן מיט אונז אין דער מיטן פון דער נאַטור מיט בלומען וכו׳ אַלץ באַגייסטערונג. אַרטיסטן פון אַלע ניוואָס. אַן אינסטרוקטאָר וועט זיין אויפן אָרט. עס וועט זיין מאָלעריי כלים, אָבער איר קענט ברענגען אייערע אייגענע באַליבסטע כלים.

## מיטוואָך
## סעפּטעמבער 7-
## סעפּטעמבער 28

יאָגאַ צ דער שקיעב
6-7PM, ROCKEFELLER PARK
SOUTH LAWN

באַרויקט זיך פון דעם טאָג מיט אינדרויסנדיקער יאָגאַ. ווערט איינגעשעפּט אין דעם לעבן דעם אוויר פון דעם האָדסאָן. שטאַרקט דעם גוף מיט דעם באַוואוסזיין מיט אַן אינסטרוקטאָר וואָס וועט אייך ווייזן פאַרשידענע פּאָזיציעס. אַלע ניוואָס. ברענגט בעסער אייער אייגענעם קאָץ, ווייל די וואָס מיר האָבם קענען געכאַפּט ווערן דורך די ערשטע וואָס קומען.



## שבת
## סעפּטעמבער 10-אָקטאָבער 29

מאָלן אין פּאַרק

10AM–12PM, SOUTH COVE

מאָלט אין וואַסער קאָליר צי אין אַן אַנדער פאָרם צו דערנעמען די הערליכע שאַטירונגען פון דעם האָדסאָן מיט סאַוט קאָוו. אַן אַרטיסט וועט זיין אויפן אָרט אייך צו העלפן. מאַטעריעלן וועלן זיין פאַרזאָרגט, אָדער ברענגט אייגענע. אויפן 10/8 וועט ניט פּאָרקומען קיין פּראָגראַם.



## פרייטיק
## סעפּטעמבער 23-אָקטאָבער 14

האַרבסט פויגל אויסקוק

RECTOR PARK EAST

23 סעפּטעמבער, 9-9:50AM
30 סעפּטעמבער, 12–12:50PM
14 אָקטאָבער, 12–12:50PM

וועלכע פייגל לעבן ביי אונז? אַ געלעגנהייט אויסצוגעפינען! פאַר אָנהויבער צי פאַר געניטער פויגל אויסקוקער, קומט צו די פּאַרקן פון בפ״ש און זע פאַרוואָס דאָס איז אַן אָרט פאַר אַזויפיל פייגל. ביינעקאָלערס וועלן זיין אויפן אָרט.



## פרייטיק
## סעפּטעמבער 9-דעצעמבער 16

טאַי טשי

8:30–9:30AM,
ESPLANADE PLAZA (9 סעפּטעמבער-28 אָקטאָבער) 6 RIVER TERRACE
(4 נאָוועמבער- 16 דעצעמבער)

פאַרבעסערט באַלאַנס, כוח, און פאָקוס דורך די איידעלע איבונגען. דער טייך שאַפט אַ גוטן אומגעגנט פאַר די פאַרצייטישע פּאָזעס. פאַר ערוואַקסענע פון אַלע עלטער. אויף 10/7, 11/11, 11/25 וועט קיין פּראָגראַם ניט פּאָרקומען.



# פּראָגראַמען פאַר שול־קינדער

## דינסטיק
## סעפּטעמבער 6-אָקטאָבער 25

פריסבי קלוב

3-5 עלטער: 3-3:30PM
6-10 עלטער: 3:45-4:30PM
ROCKEFELLER PARK

פּראַקטיצירט די בעיסיקס פון כאַפּן , איבערוואַרפן און האַלטן מיט איבונגען פאַר אַלע ניוואָס. מאַכט נייע פריינט און בויט אייערע פעאיקייטן מיט סעסיעס וואָס קאָנצענטרירן זיך אויף באַלאַנס, קאָאָרדינאַציע, באַוועגונג און באַוואוסטזיין. מען מוז טראָגן אפּול אַרומגעראַמטע שיך. אויפן 10/10 וועט קיין פּראָגראַם ניט פּאַרקומען.

## מאָנטיק
## סעפּטעמבער 12-אָקטאָבער 24

קינדער פאָן פוסבאָל

3-5 עלטער: 3-3:30PM
6-10 עלטער: 3:45-4:30PM
ROCKEFELLER PARK

פּראַקטיצירט די בעיסיקס פון כאַפּן , איבערוואַרפן און האַלטן מיט איבונגען פאַר אַלע ניוואָס. מאַכט נייע פריינט און בויט אייערע פעאיקייטן מיט סעסיעס וואָס קאָנצענטרירן זיך אויף באַלאַנס, קאָאָרדינאַציע, באַוועגונג און באַוואוסטזיין. מען מוז טראָגן אפּול אַרומגעראַמטע שיך. אויפן 10/10 וועט קיין פּראָגראַם ניט פּאַרקומען.

## דינסטיק
## SEP06- אָקטאָבער25

קינדער גערטנעריי פאַר יאָרן 6-10
3:15-4:45PM, ROCKEFELLER PARK,
CHILDREN’S GARDEN

פּראָגראַם איז בחינם, אָבער מ׳מוז זיך פאַרשרייבן

אַנטדעקט דעם פאָן און געשמאַק פון האַלטן אַ גאָרטן. פלאַנצט איין זאַכן וואָס וועלן אויסוואַקסן אין פרילינג, באַוואַסערט רייניקט און העלפט עס וואַקסן. לערנט ווי אַ גוטער גאָרטן שפּייזט פייגעלעך און אינזעקטן. ווי אויך וועלן זיין אינטערעסאַנטע נאַטור פאַקטן און קונסט פּראָיעקטן. פאַר קינדער וואָס האָבן ליב נאַטור און זיך צו באַשמוציקן. מען מוז זיך פאַרשרייבן פון פאָראויס, שרייבט:
registration@bpca.ny.gov

## מאָנטיק
## סעפּטעמבער 12-אָקטאָבער 24

יונגע פישערס קלוב

FOR AGES 7-10
3:30-5PM, 200 RECTOR PLACE
6 סעסיעס $90,

מען מוז זיך פאַרשרייבן, אָרט איז באַגרעניצט
לערנט דעם וואונדערליכן עקאָ סיסטעם פון דעם האָדסאָן מיט פאַרוויילונגס פישעריי, לערנט זיך צו דערקענען פאַרשידענע סאָרטן פיש וואָס שווימען אַרום ביי אונז, און העלפט פאָרשער דערמיט. אויך וועט מען טעסטן די וואַסער און אַנדערע פאָן זאַכן. ביטע שרייבט: registration@bpca.ny.gov. אויפן 10/10 וועט קיין פּראָגראַם ניט פּאָרקומען

## פּראָגראַמען פֿאַר שול-קינדער

## דאָנערשטיק
## סעפּטעמבער 1-אָקטאָבער 27

דאָנערשטיק קונסט אין ראָקפעלער
3:30–5PM, ROCKEFELLER PARK HOUSE

געניסט פון דעם אומגעגנט אין פּאַרק און שאַפט קונסט. די אינסטרוקטאָרן וועלן ווייזן די קינדער מיט ליים, פּאַרב און נאָך. בכדי צו האַלטן די וועלט גרין וועט מען זיך באַנוצן מיט ריסייקלט מאַטעריאַל און ווייזן ווי מיר קענען זיך באַנוצן מיט דער וועלט אין שעפערישע וועגן! טוט זיך אָן פּאַר אַ באַלאַגאַן! פינף יאָר און העכער.

## מיטוואָך סעפּטעמבער 7-
## אָקטאָבער 26

מיטוואָך קונסט אין טידראַפּ פּאַרק
3:30–5PM, TEARDROP PARK

געניסט פון דעם אומגעגנט אין פּאַרק און שאַפט קונסט. די אינסטרוקטאָרן וועלן ווייזן די קינדער מיט ליים, פּאַרב און נאָך. בכדי צו האַלטן די וועלט גרין וועט מען זיך באַנוצן מיט ריסייקלט מאַטעריאַל און ווייזן ווי מיר קענען זיך באַנוצן מיט דער וועלט אין שעפערישע וועגן! טוט זיך אָן פּאַר אַ באַלאַגאַן! פינף יאָר און העכער.

## דינסטיק
## סעפּטעמבער 6-אָקטאָבער 25

קומט שפּילט שאַך
3:30–5PM, ROCKEFELLER PARK

שפּילט דעם פּאָפּולערן שפּיל מיט וועג ווייזער וואָס וועלן אייך העלפן צו פּאַרבעסערן אייערע פעאיקייטן. שאַך העלפט דעם מוח. קינדער פון פינף יאָר און העכער (ערוואַקסענע קענען קומען אויך!)





# פּראָגראַמען פאַר עופּ׳עלאַך

## דאָנערשטיק
## 1 סעפּטעמבער-27אָקטאָבער

עופ׳עלע קונסט

10:30AM–12PM, ROCKEFELLER PARK HOUSE

גאָר יונגע אַרטיסטן אַנטדעקן די וואונדערן פון פּאַפּיר, ליים, און פאַרב. טוט זיך אָן גרייט פאַר אַ באַלאַגאַן!

## דינסטיק
## 6 סעפּטעמבער-
## 25 אָקטאָבער

שפּילצייט אין פּאַרק הויז

10:30AM–12:00PM, ROCKEFELLER PARK HOUSE

קינדער אַנטוויקלען זיך דורך שפּילן. קומט באַגעגנט זיך מיט אַנדערע קינגער, שפּילט און האָט הנאה!

## מאָנטיק
## 12 סעפּטעמבער-
## 31 אָקטאָבער

מעשה׳ס אין פּאַרק הויז

10:30–11:00AM, ROCKEFELLER PARK HOUSE

קינדער לערנען זיך צו טראַכטן דורך מעשיות קומט און הערט אילוסטרירטע דערציילונגען, ווי אויך זינגען מיט טאַנצעריי! אויפן 10/10 וועט קיין פּראָגראַם ניט פאָרקומען.



WEDNESDAYS
SEP07–OCT12

KINDIE ROCK

10:30–11:15AM, ROCKEFELLER PARK HOUSE

Award winning family music performers lead families with little ones in rocking sing-a-longs!

## דינסטיק
## 6 סעפּטעמבער- 25אָקטאָבער

יונגע גערטנער

2:30–3PM, ROCKEFELLER PARK CHILDREN’S GARDEN

אַ וואונדערליכע געלעגנהייט פאַר אונזערע יונגע גערטנער צו כאַפּן אַ דזשוקס בליק אויף דער וועלט! זיי וועלן הערן הערליכע מעשיות ביים גאָרטן, און דערנאָך וועלן זיי אַריינגיין אין גאָרטן צו גראָבן, פאַרוואַסערן און באַטראַכטן די נפלאות הבורא! צוזאַמען וועלן מיר זען די בייטנדיקע תקופות, און זען ווי פאַרשידענע אינזעקטן העלפן די געוויקסן וואַקסן. דאָס וועט זיי אויך לערנען צו קוקן אויפן אומגעגנט.

פייערן פובליק קונסט איבערפירן
RECTOR PARK EAST AND EAST OF SOUTH COVE

קומט מקבל פנים זיין דזשים דיינס מאַלפּע און קאַץ ביים טאַנצן,
לואיס בורזשואַס אויגן, און טאָני קרעגס רעסאָנייטינג גופים אין
דאַטעס מיט ווייטערע  זייער צייטווייליקע הייזער, מיט מוזיק!
bpca.ny.gov/events/ אינפאָרמאַציע אויף



# סעפּטעמבער און אָקטאָבער

פובליק קונסט: גערעכטיקייט דורך גזשיימס יאַיאַ יו
ESPLANADE PLAZA

בשותפות מיטן פונד פאַר קונסט פאַר גערעכטיקייט, בפש״א שטעלט
פאָר אַ נייע קאָמיסיע פון צייטווייליקע פובליק קונסט דורך דזשיימס
יאַיאַ יו. קוקט אויס פאַר אָפּדעיטס וועגן עפענונגס פייערונג,
עקסקורסיעס און ווערשאַפּס מיטן אַרטיסט, און פּראָגראַמען וואָס
וועלן פאָרשטעלן סאָציאַלע גערעכטיקייט און תיקון גערעכטיקייט
פירער.

bpca.ny.gov/events/ דאַטעס מיט נאָך אינפאָרמאַציע אויף

Major support for Justice Reflected is provided by the Art For Justice Fund, a project
of Rockefeller Philanthropy Advisors, in partnership with the Ford Foundation.



אַרטיסט געפירט עקסקורסיעס: פייגל בליק
TBD, MEET AT NORTHWEST CORNER OF ROCKEFELLER PARK

באַרינגלט זיך מיט די פייגל פון ב״פּ דורך פאַרביטענע ריאַליטעט! לערנט
וועגן קונסט, טעכנאָלאָגיע און אַנדערע מיט שולי שדה, שאַפער פון א״ר
קונסט אינסטאַלאַציע ביים בירדס איי וויו, זי וועט פירן אַ עקסקורסיע
ווייזנדיק די קונסטווערק אַקטיוואַציע ערטער.
bpca.ny.gov/events/ דאַטעס מיט ווייטערע אינפאָרמאַציע אויף

# קאַמיוניטי צענטער אין סטייוועסאַנט הויך שולע

### האַרבסט קלאַסן הויבן זיך אָן

דער קאַמיוניטיסענטער איז אַן אָרט פאַר פאַרווײלן זיך, ספאָרט, שווימען, און פיטנעס. יערליכע מעמבערשיפּס הויבן זיך אָן פון 59$, אַלע אָפּציעס זיינען ווייניקער ווי 200$ אַ יאָר.

קלאַסן בחינם ווערן אַריינגערעכנט אין אַלע מעמבערשיפּס, אַריינרעכנענדיק; שווימען פאַר יעדער עלטער, זומבאַ, באַקסינג, יאָגאַ, באַדמינטאַן, טאַי טשי, און נאָך. האַרבסט קלאַסן זמן הויבט זיך אָן סעפּטעמבער 12.

פאַר מער אינפאָרמאַציע באַזוכט דעם Community Center at 345 Chambers Street, NY, NY 10282, www.bpca.ny.gov אָדער שרייבט: communitycenter@bpca.ny.gov

# 6 RIVER TERRACE

6River Terrace איז אַן אָרט אין בפ״ש וואָס מען קען אויסדינגען אויף פּאַרטיס, מיטינגס, קהילה אָוונטן, משפחה צונויפקלייבענישן, און נאָך! צוויי טויזנט סקווער פיס, צוגענגליך פאַר אינוואַלידן, צוגענגליך פון גאַס, מיט גרויסע פענסטער וואָס געבן נאַטירליכע ליכט און מ׳קען זען די פּאַרקס און דעם טייך.

אָנהויבנדיק פון 600$ פאַר צוויי שעה, מיט אַ שעה פריער און אַ שעה דערנאָך אויף צוצוגרייטן און אָפּרייניקן.

אַ שטר שכירות איז געפאָדערט. אַפּליקאַציעס דאַרף מען אַריינגעבן לכל הפחות אַ חודש פון פאָראויס. Rental contract required.

פאַר נאָך אינפאָרמאַציע קלינגט: 212-267-9700 ext. 9363 אָדער שרייבט: 6riverterrace@bpca.ny.gov







# SOUTH BATTERY PARK CITY ריזיליאַנס פּרויעקט

אויף צו באַשיצן וואַגנער פּאַרק און די אַרומיקע קהילה פון שטאַרקערע און עפּטערע שטורעמען, וואַגנער פּאַרק וועט זיין פאַרמאַכט פאַר צוויי יאָר אָנהויבנדיק אין די קומענדיקע חדשים.

ווען עס וועט זיך ווידער עפענען, וועט עס האָבן גרויסע שטחים און גערטנער; דערציאונגס, קהילה, עסן און פּראָגראַם ערטער; הערליכע בילדער; און צוטריטלעך פאַר אַלעמען.
די דרום באַטערי פּאַרק סיטי רעסילענסי פּראָיעקט איז טייל פון די נידעריקער מאַנהאַטטאַן קאָוסטאַל רעסילענסי פּראָגראַם, וואָס וועט באַשיצן אונדזער שאָרליין
פון פלאַדינג.

צו היטן רעקאָרדירונגען פון פּרעזאַנטיישאַנז און קהל מיטינגז שייַכות צו די פּרויעקט און צו אָפּשאַצן די לעצט דיזיינז באַזוכן, BPCA.NY.GOV.

# בפּ״ש באָל פעלדער

האַרבסט שעות

## סעפּטעמבער 1-נאָוועמבער 30

מאָנטיק - פרייטיק, 8AM-9PM שבת & זונטיק, 8AM-9PM

ווינטער שעות

## דעצעבער 1-פעווראַל 29

מאָנטיק - פרייטיק, 9AM-8PM שבת & זונטיק, 9AM-8PM

געפינט זיך אויף West Street between Murray and Warren Streets. אָפּן גאַנץ יאָר פאַר פוסבאָל, באַסקעט באָל און אַלע אַנדערע מינים באָל שפּילעריי.
אויף צו קריגן אַ פּערמיט פאַר אַ באָל פעלד באַזוכט www.bpca.ny.gov/apply/permits





# BATTERY PARK CITY MAP




West Street
Little West Street
Albany Street
South End Avenue
West Thames Street
Rector Place
Third Place
Second Place
First Place
Battery Place
Historic
Battery Park
Pier A
Plaza
Ferry to Statue of Liberty
SOUTH BATTERY PARK CITY
RESILIENCY PROJECT
South Cove
Pier A
Robert F. Wagner, Jr. Park
Rector Park West
West Thames Park
West Thames
Street Dog Run
Mother Cabrini
Memorial
Museum of Jewish Heritage
Rector Park East
BPC Parks Office
75 Battery Place
BPC Ambassador Command Center
212 945-7233 (SAFE) & Community Room
200 Rector Place
Restrooms
Art Installations
Composting Drop-Off
Closed for Construction

NEW YORK STATE OF OPPORTUNITY.
Battery Park City Authority

75 Battery Place
New York, NY 10280
212-267-9700

www.bpca.ny.gov
facebook.com/batteryparkcityparks
twitter.com/bpca_ny
instagram.com/bpcparks

Printed on 100% recycled chlorine-free paper with soy and vegetable ink